בס"ד

# גליון הישיבה

יו"ל ע"י תלמידי
ישיבה תפארת משולם פייש ד'טאהש
טשעסטער, נ.י. יע"א
בנשיאות כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א

ג

פרשת ויגש | ז' טבת תשפ"ג לפ"ק

## בתוך הישיבה

### מדורי ותוכן הענינים

**עבודת עבודה**
דברות קודש אויף פרשת השבוע פון כ"ק רבינו הקדוש זכותו יגן עלינו

**שולחן השבת**
דברי תורה צו זאגן ביים שבת טיש

**אמרות מרבותינו הקדושים**
קטע מיוחד מתורתו של רבותינו הקדושים זי"ע בפרשת השבוע

**ברכת הקודש**
מכ"ק מרן רבינו עט"ר שליט"א אצל שולחן הטהור מסיבת לחיים זאת חנוכה תשפ"ג לפ"ק

**הילולא דצדיקיא**
מעשיות און עובדות פון צדיקים וועלכע זייער יארצייטן געפאלן די וואך

**מאורעות וענינים בין כותלי ישיבתינו הקדושה**
פארשידענע נייעסן, געשעענישן, אויפטוען און באריכטן אין און ארום די הייליגע ווענט פון די ישיבה

**בברכת שבתא טבא**

## עבודת עבודה

**ויאמר יוסף אל אחיו אני יוסף וגו' ולא יכלו אחיו לענות אותו כי נבהלו מפניו, ויאמר יוסף אל אחיו גשו נא אלי ויגשו וגו'.**

קען מען מסביר זיין, וואס איז געווען דער ענין פון "נבהלו" מפניו, פון וואס האבן זיי זיך דא אזוי דערשראקן. אויך דארף מען פארשטיין וואס איז דאס לשון נבהלו "מפניו" ס'וואלט געקענט שטיין נבהלו "ממנו".

ווייטער שטייט, אז יוסף האט זיי געזאגט, והנה עיניכם רואות ועיני אחי בנימין כי פי המדבר אליכם, עטץ זעטס אז מיין מויל רעדט צו ענק. פשטות איז נישט צו פארשטיין וואס האט ער זיי געוואלט זאגן מיט דעם, ווי רש"י הק' איז מדייק.

נאר די ספרים הקדושים זענען מסביר, אז דער גאנצער ענין וואס די שבטים הקדושים האבן זיך געקריגט מיט יוסף'ן, איז געווען ווייל יוסף איז געווען זייער באהאלטן, ער איז געווען א צדיק נסתר, בחיצוניות איז ער געווען א מסלסל בשערו, ער האט נישט ארויסגעוויזן זיין פנימיות, ער האט שטילערהייט ארומגעארבעט אויבן אין הימל, ממשיך צו זיין כוחות און אורות מלמעלה למטה. מה שאין כן יהודה'ס עבודה איז געווען בגלוי, ער האט געארבעט מעלה צו זיין מלמטה למעלה, מ'האט געזען אפען זיין צדקות, ביים ים איז נחשון בן עמינדב וואס קומט פון שבט יהודה, אריינגעשפרונגען דער ערשטער ער האט געוויזן זיין מסירות נפש אפען. דאס זענען די בחינות פון די תרי משיחין, משיח בן יוסף, און משיח בן דוד.

און אין יעדן דור זענען דא צדיקים וואס הארעווען בגלוי מ'זעט זייער עבודה, דאס איז די בחינה פון משיח בן דוד, און ס'זענען דא צדיקים וואס ארבעטן בהסתר, דאס איז די בחינה פון משיח בן יוסף.

פארדעם האבן די ברידער'ס געמיינט אז נאר יהודה איז דער צדיק, ער דארף זיין מלך, אבער יוסף'ן האבן זיי נישט משיג געווען, זיי האבן נישט געוואוסט ווער ער איז, פארדעם איז צוגעקומען אז זיי האבן אים פארקויפט. אבער יעצט "בהתודע יוסף אל אחיו", נישט סתם ער האט זיך באקאנט געמאכט אז ער איז יוסף, נאר ער האט זיי צוּוויסן געטון זיין עבודה, זיינע מדריגות, ווען די ברידער'ס האבן געזען ווער יוסף איז, און בעיקר ווי גרויס ער איז אין זיין מדה, מדת יסוד צדיק, וואס דאס האט זיך דאך דערקענט אויף זיין פנים, די צורה פון יוסף הצדיק האט דאך געלאכטן דורך דעם וואס ער האט דורכגעבראכן די גרויסע נסיונות אויף מדת היסוד, ווען די ברידער'ס האבן דאס געזען, האבן זיי נישט געקענט קומען צו זיך, ס'איז געפאלן אויף זיי א שרעק, אזא גרויסן פגם האבן מיר אנגעווערטשאפט, אזוי פארפירט זענען מיר געווארן, אונז האב מיר געמיינט אז ס'איז א מצוה ס'קומט אים, דערווייל איז עס גאר געווען פארקערט, ער איז נאר געווען אזוי באהאלטען, ווי אזוי וועלן מיר קענען מתקן זיין דעם גרויסן חטא, דאס איז געווען דער "נבהלו" מ"פניו", זיי האבן זיך דערשראקן פון דעם וואס זיי האבן געזען זיין לעכטיגע

# שולחן השבת

**וַיְשַׁלַּח אֶת אֶחָיו וַיֵּלֵכוּ וַיֹּאמֶר אֲלֵהֶם אַל תִּרְגְּזוּ בַּדָּרֶךְ**

ופירש"י. אל תתעסקו בדבר הלכה שלא תרגז עליכם הדרך. דבר אחר אל תפסיעו פסיעה גסה והכניסו חמה לעיר. לפי פשוטו של מקרא יש לומר לפי שהיו נכלמים היה דואג שמא יריבו בדרך על דבר מכירתו להתווכח זה עם זה ולומר על ידך נמכר, אתה ספרת לשון הרע עליו וגרמת לנו לשנאתו.

מיר ווייסן דאך אז ס'איז א מצוה מן התורה צו לערנען אויפן וועג, ווי ס'שטייט אין פסוק 'ובלכתך בדרך', און דא זאגט יוסף הצדיק 'אל תתעסקו בדבר הלכה וכו' (ווי די גמרא פרעגט דאס שוין אין מס' תענית דף י ע"ב). און אויף דער צווייטער פשט (וועלכער שטייט אויך דארט אין מסכת תענית 'במתניתא תנא, אל תפסיעו פסיעה גסה, והכניסו חמה לעיר. אל תפסיעו פסיעה גסה, דאמר מר, פסיעה גסה נוטלת אחד מחמש מאות ממאור עיניו של אדם') איז דאך אויך שווער, חז"ל זאגן דאך (אין מסכת ברכות דף מג ע"ב) 'פסיעה גסה נוטלת אחד מחמש מאות ממאור עיניו של אדם, מאי תקנתיה להדריה בקדושא דבי שמשי'. איז דאך דא א תקנה פאר דעם, דורך די קידוש וואס מ'מאכט פרייטיג צו נאכט'ס.

נאר מקען דאס פארענטפערן מיט דעם וואס דער גאון רבי ארי' לייב אב"ד אמסטרדם אין זיין ספר בנין אריאל, איז מסביר די מחלוקת פון די שבטים מיט יוסף הצדיק. דער פסוק זאגט 'ויבא יוסף את דבתם רעה', ער האט געזאגט אז די שבטים זענען מזלזל אין די בני השפחות (דן נפתלי גד אשר) בלהה און זלפה מיט דעם וואס זיי האבן זיי אנגערופן 'עבדים'.

לכאורה איז דא דאס א גרויסע פלא אויף יוסף הצדיק, ווי קען זיין ער זאל מוציא לעז זיין אויף זיינע הייליגע ברידער, ווי קען דאס מעגליך זיין אז די הייליגע שבטים האבן אנגערופן די בני השפחות 'עבדים'. און אויב זיי האבן באמת אזוי באטיטעלט די בני השפחות, איז דאך דאס א גרויסע פלא און קשיא אויף הייליגע שבטים די צדיקי יסודי עולם, זיי זעלן מוציא שם רע זיין אויף זייערע הייליגע ברידער, און זיי רופן 'עבדים'.

נאר באמת זענען די הייליגע שבטים און יוסף הצדיק מחולק געווען אין א יסוד'יגע ענין, יוסף האט געהאלטן אז ווייל יעקב אבינו ע"ה האט מקיים געווען כל התורה כולה, דעריבער איז ער א פולקאמער 'ישראל' א איד לכל דבר, און די הלכה איז, אז א איד טאר נישט חתונה האבן מיט א שפחה, מוז דאך ע"כ זיין אז יעקב אבינו האט צוערשט משחרר געווען די שפחות, און הערשט נאך דעם מיט זיי חתונה געהאט כדת וכדין ישראל, און זייערע קינדער זענען ישראלים גמורים, און נישט קיין עבדים.

אבער די שבטים האבן געהאלטן אז כאטש יעקב אבינו ע"ה האט מקיים געווען די גאנצע תורה, אבער פארט איז דאך דאס געווען פאר 'מתן תורה', דעריבער האט יעקב אבינו א דין פון 'בני נח', און דעריבער האט יעקב געמעגט מיט זיי חתונה האבן פארן משחרר זיין (און עס וואלט אויך נישט געהאלפן זיי משחרר צו זיין, ווייל ס'איז פאר מתן תורה, דעריבער קען זיי נישט ווערן משוחרר מדין תורה), דעריבער זענען זייערע קינדער 'עבדים', ווייל די קינדער פון א שפחה איז א עבד.

קומט אויס אז לויט די דעה פון די שבטים אז זיי ווערן פארעכענט ווי בני נח, האבן זיי דאך נישט געמעגט היטן שבת, ווייל חזל זאגן (סנהדרין נח ע"ב) 'גוי ששבת חייב מיתה' אבער מאידך גיסא האבן זיי דאך יעצט געזען אז יוסף איז לכאורה יא געווען גערעכט, זעענדיג ווי זיינע חלומות זענען מקויים געווארן. דעריבער האט זיי יוסף אנגעזאגט, זיי זאלן נישט עוסק זיין 'בדבר הלכה', צו זיי האבן א דין ישראל אדער א דין בן נח, און זאלן אויך נישט גיין קיין פסיעה גסה, ווייל לויט זייער שיטה אויב זיי האבן א דין בן נח, קענען זיי נישט צוריק באקומען זייער 'מאור עיניהם', און דאס פירט רש"י אויס 'היה ירא שמא יריבו בדרך', ווייל אויב זיי וועלן זיך מתווכח זיין אין די הלכה, וועלן זיי קומען זיך צו קריגן, און ארויף ווארפן דעם שולד איינער אויפן צווייטן.

**וַיְלַקֵּט יוֹסֵף אֶת כָּל הַכֶּסֶף הַנִּמְצָא בְאֶרֶץ מִצְרַיִם וּבְאֶרֶץ כְּנַעַן בַּשֶּׁבֶר אֲשֶׁר הֵם שֹׁבְרִים**

הרה"ק רבי אליעזר'ל קאמארנא זי"ע שרייבט אין זיין הקדמה צו ספר הקדוש זוהר חי פון זיין טאטע הרה"ק רבי יצחק אייזיק מקאמארנא זצ"ל, מיין פעטער רבינו הקדוש רבי צבי הירש מזידיטשוב זי"ע, האט געזען אין חלום ווי ער גייט אריין אין גן עדן אינם היכל פונם הייליגן בית יוסף זלה"ה, און ער האט געזען דארט פילע צדיקים וועלכע זיצן אין די מתיבתא פונם הייליגן בית יוסף, און פילע פון די צדיקים האט דער פעטער געקענט ווען זיי האבן נאך געלעבט, אוון פילע אנדערע וועלכע ער האט נישט געקענט, און צווישן זיי, איז אויך געזעצן מיין הייליגע זיידער הגאון הקדוש רבי אלכסנדר זלה"ה אב"ד קאמארנא. און ווי נאר דער הייליגער פעטער איז אריין געקומען אין די מתיבתא פונם הייליגן בית יוסף, האט דער הייליגער בית יוסף זיך אויף געשטעלט פון זיין שטוהל, און געזאגט ברוך הבא רבי הערשילי זידיטשויבער, און מרן הבית יוסף האט געבעטן פונם דעם הייליגן פעטער, ער זאל זאגן א דבר תורה. האט אים דער הייליגער פעטער געענטפערט, איך זעע ווי דא זיצן גרויסע תלמידי חכמים וועלכע זענען עוסק אין 'נגלות התורה', אבער איך בין עוסק בעיקר אין סודות התורה. אבער דאך וועל איך זאגן א חידוש בנגלות התורה אויף דער וואכעדיגער פרשה. שטייט די וואך אין פסוק 'וילקט יוסף את כל הכסף הנמצא בארץ מצרים ובארץ כנען

צורה, צורת יוסף הצדיק, וואס פון דעם האבן זיי געזען אז ער איז דער צדיק יסוד עולם, פון דעם האבן זיי זיך דערשראקען ווייל ווי אזוי וועלן זיי קענען מתקן זיין אזא געוואלדיגען פגם, א פגם אינעם צדיק יסוד עולם.

זעט מען פון דעם, אז אויב מ'וויל מתקן זיין וואס מ'האט פוגם געווען און חרוב געמאכט ובפרט במדת היסוד רחמנא ליצלן, איז די עצה דורך קדושת הדיבור, מ'זאל זיך מקדש זיין דעם ברית הלשון, מיט דעם כח קען מען אלעס מתקן זיין.

און דער עיקר כח וואס ברענגט א קדושה אויפ'ן ברית הלשון, איז דער כח התפלה, ווי מ'זעט ביי פרעה וואס זיין כח הטומאה איז געווען אין מדת יסוד, מצרים ווערט אנגערופן ערות הארץ, מיט דעם האט ער געוואלט אריינכאפן יודישע קינדער רח"ל, האט ער געמאכט אז יודישע קינדער זאלן זיין אזוי פארנומען מיט די ארבעט, אז זיי זאלן נישט קענען מתפלל זיין, ווייל ער האט געוואוסט אז אויב זיי וועלן מתפלל זיין, וועט דורכ'ן כח התפלה מתוקן ווערן דער ברית הלשון, און דורכדעם וועט ער שוין נישט האבן קיין שליטה אויף זיי זיי מכשיל צו זיין אין פגם ברית המעור, זעט מען אז דער כח התפלה איז דער עיקר תיקון אויף אלע עבירות.

ממילא אז מ'וויל אמאל צוקומען צו א שטיקל תיקון הנפש, מ'זאל זיך נישט דארפן שעמען אויף יענער וועלט, דלא ליעול בכיסופא לעלמא דאתי, מוז מען זיך נעמען צו עבודת התפלה

מיט מער פנימיות, דאס דאווענען ברויך אנדערש אויסצוזען, די תלמידי בעש"ט הק' זענען דאך אראפגעקומען, צו ווייזן און לערנען דעם עמוד העבודה, איזו היא עבודה שהיא בלב הוי אומר זו תפלה , אלע צדיקים האבן פארפירט אויפ'ן דאווענען, בפרט דער הייליגער ר"ר שלמה'לע קארלינער זי"ע איז ידוע אז ער איז געווען דער עמוד העבודה, ווער ס'האט אים איינמאל געהערט דאווענען, איז שוין געלאפן און געבליבן דבוק צו אים. ס'איז געווען אמאל א קטרוג אין הימל אז דאס דאווענען איז זייער שוואך, האט דער ר"ר שלמה'לע געזאגט "ואני תפלה" (תהלים ק"ט ד'), איך וועל אויפהייבן דאס דאווענען, ער האט זיך קעגן געשטעלט קעגן די קטרוג און זיך אנגענומען וועגן דעם דאווענען, און אזוי איז טאקע געווען, ער איז געווען דער עמוד התפלה, ווען מ'האט נאר געהערט א ווארט פון אים האט דאס באריהרט דאס פנימיות הנפש, און ס'האט געריסן שטיקער.

זאל מען זיך אהער נעמען, סיי די וואס תורתן אומנותן, וואס זיי האבן די געלעגנהייט צו זיין מוקדש פאר תורה ועבודה, זיי זאלן זיך גוט נאכקוקן ווי אזוי זייער דאווענען און זייער גאנצע עבודה זעט אויס, אז מ'טראכט נישט אריין, מיינט מען אז אלעס איז גוט, מ'לערנט דאך, און מ'טוט נישט קיין עבירות און דאס איז עס, מ'איז שוין פערטיג. זאל מען זיך גוט נאכקוקן און אנהייבן צו הארעווען מער טיף, מער בפנימיות. און אזוי אויך די וואס זענען נישט תורתן אומנותן א גאנצן טאג, זאלן זען צו פארלייגן כוחות אז ווען ס'קומט צום דאווענען זאל דאס זיין מיט א קביעות און מיט א חיות, אז מ'זעט אז דאס דאווענען גייט נישט ווי ס'דארף צו זיין, איז דאס א סימן אז ער איז נישט קובע עתים לתורה, און דער וואס איז נישט קובע עתים לתורה, ווייסט גארנישט וואס טוט זיך מיט זיין נשמה, ער קומט אין בית המדרש נאר יוצא צו זיין, ער דאווענט און ער לייגט תפילין, ער זאגט דורך די ווערטער פונעם דאווענען, אבער ס'פעלט די נשמה פונעם דאווענען.

ס'גייט אָן א חיות, ווייל אָן קביעת עתים לתורה קען מען נישט שפירן קיין חיות אין יודישקייט, זאל ער זען מער קובע צו זיין עתים לתורה, און נישט נאכלאזן קיינמאל, אזוי וועט ער קענען שפירן דעם אור התפלה, וועט דער ברית הלשון ווערן מתוקן, אזוי וועט ער קענען מתקן זיין אלע חטאים, און צוקומען צום ריכטיגן תיקון הנפש.

דער אייבערשטער זאל העלפן ס'זאל שוין זיין זרח בחושך אור לישרים, ועינינו תראינה מלכותך כדבר האמור בשירי עזך על ידי דוד משיח צדקיך, ובא לציון גואל במהרה בימינו אמן.

---

בשבר אשר הם שוברים', און חז"ל זאגן אז אלע געלטער, זילבער און גאלד, פון דער גאנצער וועלט איז שוין געווען ביי יוסף הצדיק, צוליב וואס ער האט זיי פארקויפט עסן פאר זייער גאלד און זילבער, און די מצריים האבן שוין מער נישט געהאט מיט וואס צו קויפן עסן, און עס איז זיי נאר פארבליבן זייערע 'צלמים' פון גאלד און זילבער, וועלכע זענען געווען זייערע עבודה זרה'ס, און זיי האבן דאס געברענגט פאר יוסף צו באצאלן פאר זייער עסן. לכאורה איז דאך שווער ווי אזוי האט יוסף געמעגט נעמען פון זיי זייערע עבודה זרה'ס, די הלכה איז דאך, עבודה זרה איז אסור בהנאה?. נאר דער תירוץ אויף דעם שטייט אין פסוק זעלבסט, 'בשבר אשר הם שוברים', דעריבער האט יוסף געמעגט נעמען זייערע עבודה זרה'ס, ווייל בעפאר זיי האבן אים געברענגט זייערע צלמים, האבן זיי דאס אליין צובראכן און מבטל געווען, און די הלכה איז, אז ווען דער גוי איז קאמפלעט מבטל זיין עבודה זרה, דאן מעג שוין דער איד פון דעם נהנה זיין. דאן האט דער הייליגער בית יוסף געזאגט צום הייליגן זידיטשויבער פעטער, איר האט גוט געזאגט און מחדש געווען אין די הייליגע תורה. דאן האט רבינו דער בית יוסף געזאגט בזה הלשון, 'רבי הערשילי זודיטשויבער! אייער ברודער רבי סענדר וועלכער זיצט דא, האט מיר געבעטן, אייך צו זאגן, אז ער האט איבער געלאזט א אינגל קינד אויף דער 'עולם העשיה' און ס'איז נישט דא ווער ס'זאל זיך אויף אים אומקוקען צו לערנען מיט אים די הייליגע תורה, און ער בעט איר זאלט זיך אומקוקען אויף אים און לערנען מיט אים. דער הייליגער פעטער האט אים תיכף געענטפערט, יא איך נעם זיך פאר צו לערנען מיט אים.

דאן האט זיך דער הייליגער פעטער אויפגעכאפט פון שלאף, און ער איז געווען אויפגעציטערט פון דעם חלום, און ער האט באלד געשיקט רופן מיין הייליגן טאטן זלה"ה, און אים פארשפראכן צו לערנען מיט אים יעדן טאג תורה.

# הילולא דצדיקיא

## הרה"ק רבי משה הלוי מפשעווארסק זי"ע

**יומא דהילולא של הרה"ק רבי משה הלוי מפשעווארסק זי"ע, שם אביו רבי יצחק הלוי, ושם אמו אסתר. תלמידו של הרה"ק המגיד ממעזריטש, ושל הרה"ק רבי ר' אלימלך מליזענסק זי"ע. מתלמידיו, הרה"ק הרבי מלובלין, והרה"ק רבי צבי אלימלך בעל בני יששכר זי"ע, הרה"ק רבי אריה לייב לאנצוט בעל חומת אריאל. חיבר ספר הקדוש אור פני משה על התורה, ועל כמה מסכתות הש"ס.**

בספרו פרשת וירא מביא דבר נחמד משם הרה"ק המגיד ממעזריטש, ומתחיל דבריו שם בזה"ל. נזרקה מפי חבורה קדישא של רשכבה"ג הגאון מה"ו דוב בער שיחיה עד ביאת משיחנו, שמעתי אומרים על פסוק ולא חשכת את בנך את יחידך ממני וכו', ע"ש.

דער ספר אור פני משה איז געווארן געדרוקט אין יאר תקס"ט-תק"ע, פון די פילע חסיד'ישע ספרים דאכט זיך, זענען פאראהאן די מערסטע הסכמות פון די פריע חסיד'ישע צדיקים אויף דער ספר אור פני משה, די חסיד'ישע צדיקים וועלכע געבן הסכמות אויפן ספר זענען ווי פאלגנד. הרה"ק בעל קדושת לוי מבארדיטשוב, הרה"ק בעל עבודת ישראל מקאזניץ, הרה"ק רבי צבי ארי' מאליק, הרה"ק רבי צבי מנחם מענדל מאניפאלי, והרה"ק רבי ישראל אברהם מטשארניאוסטראה די הייליגע קינדער פון הייליגן רבי ר' זושא, הרה"ק הרבי מלובלין, הרה"ק בעל אוהב ישראל מאפטא, הרה"ק רבי מנחם מענדל מרימנוב, הרה"ק רבי שמחה אב"ד בוברקא, תלמיד מובהק פון הרה"ק רבי ר' זושא, הרה"ק רבי חיים בעל באר מים חיים, הרה"ק רבי מרדכי מקרעמניץ ואחיו הרה"ק רבי יצחק מראדוויל, הרה"ק רבי וועלוועלע מזבאריז, הרה"ק רבי משה מזוויהל בני הרה"ק רבי מיכל מזלאטשוב, הרה"ק רבי אשר צבי אוסטראה בעל מעיין החכמה, הרה"ק רבי ישראל חיים מלאדמיר (בן הרה"ק רבי אברהם המלאך וחתן הרה"ק רבי שלמה מקארלין), הרה"ק רבי יהושע מדינאב, הרה"ק רבי אריה לייב לאנצוט בעל חומת אריאל, הרה"ק רבי בצלאל מרגליות בן הרה"ק בעל מאיר נתיבים, הרה"ק רבי אברהם חיים מזלאטשוב בעל אורח לחיים, הרה"ק רבי מרדכי אב"ד קאריץ בן הרה"ק רבי פנחס'ל קאריצער, הרה"ק רבי מנחם מענדל מקאסוב (בן הרה"ק רבי יעקב קאפיל חסיד) בעל אהבת שלום, הרה"ק רבי נפתלי ראפשיצער בעל זרע קודש, הרה"ק רבי צבי הירש בעל עטרת צבי מזידיטשויב זכותם יגן עלינו, און נאך פילע הסכמות פון די גדולי רבני וצדיקי הדור.

דער הייליגער חוזה פון לובלין שרייבט אין זיין הסכמה צום ספר אור פני משה פון הרה"ק ר' משה פשעווארסקער, אז דער הייליגער אלשיך הק' פלעגט זיך כסדר באוויזן צו רבי משה מפשעווארסק, אנגעהויבן נאך פון זיין פריע יוגענט יארן, און ער איז מעיד אויף אים אז כל מעשיו לשם שמים צו טון א נחת רוח פארן אייבערשטן, און ער איז שטענדיג געווען בהצנע לכת, מ'האט נישט געוויסט אז ער איז א גאון און למדן, נאר איך האב זוכה געווען אין מיין יוגענט צו לערנען פון אים דעריבער האב איך געוויסט.

הרה"ק רבי נפתלי ראפשיצער זי"ע שרייבט, אלע זיינע רייד זענען געבויעט אויף די יסודות פון דער אלשיך הקדוש, און ער דרוקט זיך אויס אויף אים 'ממשה עד משה לא קם כמוהו ממש', ד"מ פון רבי משה אלשיך ביז רבי משה פשעווארסקער איז נישט געווען נאך איינער ווי אים.

אין די הסכמה פון די קינדער פון רבי'ן ר' זושא, ברענגען זיי בשם זייער טאטן רבי ר' זושא זי"ע, ווען איך בין געווען נע ונד (זעט אויס ס'איז געווען ווען ער איז געגאנגען גלות ליידן), בין איך אמאל אנגעקומען אין שטאט פשעווארסק און ס'איז מיר נישט געפעלן דאס פלאץ וואו איך בין איינגעשטאנען, פלוצלינג קומט צו מיר א קינד און פרעגט מיר אויב איך זוך וואו איינצושטיין, און ער האט אים געפירט צום הויז פון הרה"ק ר' משה פשעווארסקער (זעט אויס אז רבי משה האט משיג געווען ברוח קדשו אז רבי ר' זושא געפונט זיך אין שטאט און האט נישט קיין צופרידנשטעלנדער אכסניה, און דעריבער האט ער געשיקט מ'זאל אים ברענגען צו אים). פארציילט רבי ר' זושא, ווען איך האב אים געזען איז געווען זיין צורה אזוי ווי די צורה פון א מלאך ה' צבאות. און ווען ער האט געשריבן זיין ספר איז ארויס א פלאם פון די הייליגע געשריבענע אותיות.

הרה"ק רבי יענקלע לייזער מפשעווארסק זאגט אין נאמען פון זיין שווער הרה"ק רבי איצקל זי"ע, ס'איז דא א קלער אויב די כוונה פון די ווערטער אין די הסכמה, אז ס'זענען ארויס געקומען פונקען פייער ווען ער האט געשריבן זיין ספר, צו דאס מיינט זיין ספר אור פני משה, אדער די ספר תורה וועלכע ער האט געשריבן (ווי באקאנט איז ער געווען א סופר סת"ם), און רבי יענקלע פירט אויס, אז פון דער לשון אין די הסכמה איז משמע אז די כוונה איז אויף דער ספר 'אור פני משה'. אבער דאגעגען פון די ווערטער פון הרה"ק בעל מנחת אלעזר אין זיין ספר אות חיים ושלום (סימן לב) איז משמע אז דאס גייט ארויף אויף די ספר תורה וואס ער האט געשריבן, ע"ש.

אין ספר ילקוט צורת האותיות ווערט געברענגט בשם כ"ק אדמו"ר רבי יוחנן מראחמיסטריווקא זצ"ל, אז הרה"ק רבי אורי דער שרף פון סטרעליסק זצ"ל האט פארציילט, אז ער איז אויפגעוואקסן אין שטוב פון הרה"ק רבי ר' אלימלך מליזענסק זי"ע, און איידער ער איז געווארן בר מצוה האט אים הרה"ק רבי ר' אלימלך געשיקט צו רבי משה פשעווארסקער ער זאל אים שרייבן תפלין, ווען ער איז געווארן בר מצוה, האט אים דער רבי ר' אלימלך געלייגט די תפלין, ווען ער האט אים אנגעטאן דעם של ראש, האט רבי אורי געשריגן, אוי איך ווער פארברענט, און ער האט געוואלט אויסטאן די תפלין, אבער דער הייליגער רבי ר' אלימלך האט אים נישט געלאזט, און אים געהייסן זיך שטארקן און דאס נישט אויסטון.

# ברכת הקודש

## ששמענו מאת

# כ"ק מרן אדמו"ר עט"ר שליט"א

## אצל שלחן הטהור "מסיבת לחיים" זאת חנוכה תשפ"ג

דער אייבערשטער זאל טאקע העלפן, מ'שטיי מיר אזא גרויסע טאג זאת חנוכה, דער זמן ווען ס'איז דער גמר חתימה לטובה, וואס איז ווי ראש השנה, ווען מ'קען אלעס פועל'ן און נפקד ווערן, דער בני יששכר ברענגט מען איז פוקד עקרים ועקרות דעם טאג, איז ווער ס'דארף האבן קינדער זאל דער אייבערשטער העלפן ער זאל געהאלפן ווערן מיט קינדער, און יעדער זאל טאקע האבן ערליכע קינדער יראים ושלימים, אהובים למעלה ונחמדים למטה.

מען זאל בעטן היינט, ס'איז א געוואלדיגע צייט צו בעטן דערפאר, ס'איז א גרויסער עת רצון, און דער אייבערשטער וועט אונז געבן.

ווער ס'מאכט מיט קען אויך געהאלפן ווערן, ער זאל קוקן אויף יענעם מיט א עין טובה, ער זאל פארשטיין יענעם, נישט קוקן ח"ו מיט א שלעכטע אויג אויפ'ן צווייטן, מען זאל וויסן ער קען לייגן דעם עי"ן צו רעכטס, ער קען מאכן פאר עונג, אנשטאטס נגע, ביז אלע אידן וועלן דאס טון, מען וועט זיך אויפוועקן, אז מ'דארף דן זיין יעדעם לטובה.

מען וועט ארויסנעמען דעם לימוד פון דעם נס חנוכה, מען וועט עס ארויסברענגען אויף למעשה, אז דער עיקר איז געווען איין זאך זיך צו שטארקן אין ללמוד וללמד לשמור ולעשות ולקיים תורה שבעל פה, און תורה שבכתב, ס'זאל קענען בלייבן ביז משיח'ס טאג, דייקא אקעגן דעם וואס בזמן היוונים האבן זיי געוואלט מבטל זיין די תורה הקדושה, מ'זאל דאס פארגעסן, ס'זאל זיין להשכיחם תורתיך, אונז וועל מיר דאס דייקא אנהאלטן ווייטער.

דעמאלטס וועל מיר זוכה זיין אז די תורה הקדושה וועט זיך אננעמען פאר אונז בין בעידנא דעסיק בה בין בעידנא דלא עסיק בה, דער אייבערשטער זאל אונז העלפן, דער זכות פון די אבות הקדושים און רבינו הקדוש זי"ע זאלן אויף אונז מגין זיין געהאלפן צו ווערן מיט אלעם גוטן, וואס יעדער דארף, וימלא משאלותינו במדה טובה ישועה ורחמים, ביז אונז וועל מיר זוכה זיין צו ביאת גואל צדק במהרה בימינו אמן.

---

אין זיינע עלטערע יארן ווען ער פלעגט פארציילן די מעשה, האט ער צוגעלייגט, אז ר' משה פשעווארסקער פלעגט שרייבן פאר יעדן לפי שורש נשמתו.

נאך ווערט געברענגט אין ספר ילקוט צורת האותיות אין נאמען פון הרה"צ ר' מאטיל רעכטשפאנער זצ"ל סופר סת"ם בעיה"ק ירושלים, אז הרה"ק ר' ברוך'ל מעזיבוזער זי"ע האט אמאל געגעבן פאר זיינס א חסיד פון גאליציע א גאלדן רענדל (וועלכעס איז געווען א באדייטענער גרויסער סכום בימים ההם), ער זאל גיין קיין פשעווארסק און ער זאל באשטעלן פאר זיינעטוועגן א מזוזה ביי הרה"ק ר' משה פשעווארסקער, און דער קומענדיגער מאל ווען ער קומט קיין מעזיבוז זאל ער אים מיטברענגען דעם מזוזה. דער חסיד ווען ער האט באשטעלט די מזוזה האט ער אינאיינוועגס אויך באשטעלט א מזוזה פאר זיך. דער הייליגער אור פני משה האט אים געגעבןביידע מזוזות, און אים דערביי אנגעזאגט די מזוזה איז פאר דיר, און די איז פאר דיין רבי'ן ר' ברוך'ל. ווען ער האט געברענגט דעם מזוזה צו הרה"ק ר' ברוך'ל, האט רבי ברוכ'ל א קוק געטון אויף די מזוזה, אין דאס פנים פון ר' ברוך'ל מעזיבוזער איז בלאס געווארן, און ער האט אים געפרעגט ביזטו זיכער אז דער מזוזה איז פאר מיר? ווען דער ענטפער איז געווען יא, האט זיך רבי ברוך'ל אויפגעשטעלט פון פלאץ און ארום געשפרייזט אין צימער ארויף און אראפ, און נאכאמאל געפרעגט ביזטו זיכער אז דער מזוזה איז פאר מיר? הערשט דאן האט זיך דער חסיד געכאפט אז ער האט טאקע אפשר פארטוישט די מזוזות, און ער האט ארויסגענומען דאס אנדערע מזוזה און אהינגעגעבן פאר'ן רבי'ן. דאן האבן רבי ברוך'לס אויגן אויפגעלאכטן, און ער האט געזאגט דער מזוזה איז טאקע פאר מיר, און דאס אנדערע איז פאר דיר.

זכותו יגן עלינו ועל כל ישראל.

# דערהויבענער זאת חנוכה געפראוועט בהיכל ישיבתינו הק׳

א גאר שיינע און אינהאלטספולע ׳סעודת זאת חנוכה׳ איז פארגעקומען אינעם היכל בית המדרש של ישיבתינו הקדושה בראשות דער מנהל וצוות הרמי״ם והמשגיח שליט״א.

א חשובער גאסט איז ספעציעל געקומען אויפטרעטן פאר די בחורי הישיבה. דער מנהל און דער משגיח שליט״א האבן צוערשט פארגעשטעלט פאר די טייערע בחורי חמד, דעם חשוב׳ן גאסט הלוא הוא פה מפיק מרגליות ונואם בחסד עליון הרב רבי אברהם יושע פריינד שליט״א מנאסאד. זיי האבן ארויס געברענגט זיין געטריישאפט און איבערגעגעבנקייט צו רבינו הקדוש זי״ע, ווי ער האט פילע מאל זוכה געווען לעשות רצון צדיק מיט אויספירן זיינע הייליגע ווערטער במלוא מובן המלה. און אויך זייענדיג א מתפלל קבוע בבית מדרשינו בקרית יואל, ווי ער איז מכבד את ה׳ מגרונו, מיט זיין מתיקות׳דיגער און התעוררות׳דיגער דאווענען, און ספעציעל ביים ספירה ציילן אויפן זידיטשויבער נוסח. און אויך איבער זיינע פילע אויפטועען לטובת פילע אידישע קינדער, און בפרט זיינע דערהויבענע נסיעות אויף מקומות הקדושים, ווי אין צאנז ביים הייליגן דברי חיים, אין ראדאמסק ביים הייליגן תפארת שלמה, און אין ראדאשיץ ביים הייליגן סבא קדישא, און פיל נאך, ווי ער טוט מקרב זיין אידישע נשמות לאביהם שבשמים מיט זיינע ווארעמע דרשות און התעוררות׳דיגע תפלות.

דאן האט דער חשובער גאסט גערעדט א גאר אינהאלטספולער דרשה, און בתוך דבריו ארום גערעדט איבער אהבת חברים, און גאר שיין מסביר געווען דער ענין פון המתפלל בעד חבירו והוא צריך לאותו דבר הוא נענה תחלה, בעטענדיג דערביי די חשוב׳ע בחורי חמד, זיי זאלן זיך אונטער נעמען פאר פערציג טעג צו טון חסד מיט די חברים, און ס׳זאל ביי זיי זיין ׳כבוד חבירך חביב משלך׳, זאגענדיג אז מ׳קען אינזין האבן פאר א ישועה פון א באקאנטן, א משפחה, ווייל יעדער איינער ליידער ווייסט אדער קען עמיצן וואס דארף א ישועה, און מ׳וועט זיכער זען גרויסע ישועות.

דער חשובער גאסט האט זיך דאן געשטעלט דאווענען מנחה פארן עמוד, און פאר מנחה האט ער פארגעזאגט דעם קאפיטל ׳שיר המעלות ממעמקים׳ אויפן ימים נוראים׳דיגער נוסח, ווי ס׳איז באקאנט פון צדיקים אז זאת חנוכה איז דאך דער גמר החתימה, און דאן געדאווענט א ווארעמע מנחה אויפן טאהש׳ן נוסח, וועלכע האט גאר שטארק באנומען אלע מתפללים.

דאן האט מען זיך געוואשן צום סעודה, און דער חשובער גאסט האט זיך אנגעטון דעם הייליגן ווייסן קאפל וואס ער האט באקומען פון רבינו הקדוש זי״ע, און דער הייליגער ווייסער וועסטל וואס ער האט באקומען פון הרה״ק מסאטמאר זי״ע, און ער האט געטיילט פאר יעדן משיירי כוס קידוש ושיירי כוס ברכה פון הרה״ק רבי ישכר דוב מבעלזא און פון הרה״ק מסאטמאר זי״ע.

דאן האט ער געטיילט די ׳מעות חנוכה׳ די מטבעות קודש שנתברכו על ידי כ״ק מרן אדמו״ר עט״ר שליט״א, וועלכע רבינו שליט״א האט ספעציעל געבענטשט און געשיקט פאר די בחורי חמד של ישיבתינו הקדושה.

## פריסת שלום מכ״ק רבינו שליט״א לתלמידי הישיבה

דעם פארגאנגענעם מוצאי שב״ק חנוכה, נאכן מעמד הדלקת הנרות פון רבינו שליט״א, איז דער משגיח שליט״א וועלכער האט געוויילט בצל הקודש אריין אל הקודש פנימה. כ״ק רבינו שליט״א האט זיך שטארק פאראינטערעסירט און געוואלט הערן איבער די ישיבה און די בחורי חמד וכל המסתעף. עס איז געווען קענטיג ווי דער רבי האט גרויס הנאה פון די פילע אויפטוען פעולות און הצלחה פון די ישיבה, ווי אויך האט כ״ק רבינו שליט״א געזאגט, אז ער הערט ב״ה פילע גוטע גריסן פון די ישיבה און די טייערע בחורי חמד וועלכע זענען עוסק בתורה ועבודה פון די פארטאגס שעה׳ן ביז אין די נאכט שעה׳ן, ער האט צוגעלייגט, דאס איז אלעס בזכותו פונ׳ם גרויסן טאטן, רבינו הקדוש זי״ע, און געהייסן איבער געבן פאר די טייערע בחורים, אז ווען זיי פאלגן דעם מנהל ומשגיח און די מגידי שיעור, איז פונקט ווי זיי זאלן אויסהערן און אויספאלגן דעם רצון פונם הייליגן רבי׳ן זכותו יגן עלינו, ווייל זיי זענען זיינע שליחים ממש. דאן האט כ״ק רבינו שליט״א אנגעוואונטשן פילע ברכות פאר די הצלחה פון די ישיבה, און פאר די טייערע בחורים תלמידי הישיבה.

## מנין שחרית במתינות וסעודת ר״ח

דעם פארלאפענעם פרייטאג ערב שבת חנוכה און זונטאג, ווען ס׳איז נישט געווען קיין סדר הישיבה ליתן ריווח לריווח, איז בבית מדרשינו אין קרית יואל געווארן צוגעשטעלט אין ראם פון חבורת עבודת עבודה, א באזונדערע מקום פאר די חשובע בחורי חמד תלמידי ישיבתינו הק׳, צו דאווענען מיטן זעלבן פלאם פייער ווי צווישן די ווענט פון ישיבה.

דער מנין במתינות אין די לעצטיגע ימי חנוכה, האט אויך געדינט אן אכסניא של תורה פאר נאך אינגעלייט און בעלי בתים וועלכע האבן זיך מיטגעשלעפט מיטן פלאקער׳דיגן התלהבות׳דיגן דאווענען.

זונטאג, ראש חודש טבת איז נאכן דאווענען געווארן צוגעשטעלט א רייכע סעודת ראש חודש פאר אלע בחורים, וואו מען האט מאריך געווען בניגוני לכבוד ראש חודש, און לכבוד חנוכה. דערביי האט אויפגעטרעטן הר״ר שמחה ארי׳ מאירוביץ שליט״א מנהל כולל בוקר קרית יואל.